בעזרת השם יתברך

גליון
# סיפורי מעשיות
פארן שבת טיש

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת פינחס

י"ט תמוז ה'תשפ"ג

שנה 4, גליון 18, (105)

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶועְן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועְן דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יג, דִּי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט, אַזוֹי וִוי מִיר הַאלְטְן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, אוּן דָא אִין שְׁטֶעטְל הַאלְט מֶען אוֹיךְ אִינְמִיטְן דִי מַעֲשֶׂה, וֶועלְן מִיר מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם שְׁטִיקְל וואוּ מֶען הַאלְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

## אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועְן אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַ מְדִינָה, בִּשְׁעַת מֶען אִיז אַנְטְלָאפְן זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַ אִינְגְל אוּן אַ מֵיידְל פוּן פִיר פִינְף יָאר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי שִׁיקְן עֶסְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן זֵיי גֶעשִׁיקְט זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס; אַ בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, אַ טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, אֵיינֶער וָואס שְׁטָאמְפְּלְט זַיינֶע רֵייד, מִיט אַ קְרוּמֶע הַאלְז, מִיט אַ הוֹיקֶער, אָן הֶענְט אוּן אָן פִיס. שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן וַואלְד, מֶען הָאט זֵיי מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶועְן אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען, אוּן דִי חָתָן כַּלָּה זֶענֶען אוֹיךְ זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען. הָאבְּן זִיךְ חָתָן כַּלָּה אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען, דִי חֲסָדִים וָואס הַשֵּׁי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין וַואלְד. אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאבְּן זֵייעֶר גִיבֶּענְקְט, וִוי נֶעמְט מֶען דָא דֶעם עֶרְשְׁטְן בֶּעטְלֶער, דֶעם בְּלִינְדְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גִיבְּרַאכְט בְּרוֹיט אִין וַואלְד. וִוי זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גִיבֶּענְקְט, נָאךְ דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, דֶערְוַוייל רוּפְט עֶר זִיךְ אָן, אִיךְ בִּין דָא. אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּ אַייךְ אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. אוּן אִיךְ שֶׁענְק אַייךְ דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. וָוארְן פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ אַייךְ דָאס גִיוואוּנְטְשְׁן, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. הַיינְט שֶׁענְק אִיךְ אַייךְ דָאס דָאזִיגֶע בְּמַתָּנָה גְמוּרָה דְרָשָׁה גִישַׁאנְק, אַז אִיהר זָאלְט זַיין אַזוֹי אַלְט וִוי אִיךְ. אִיהר מֵיינְט, אַז אִיךְ בִּין אַ בְּלִינְדֶער, אִיךְ בִּין גָאר נִיט בְּלִינְד, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, טְרֶעפְט בַּיי מִיר נִיט אָן כְּהֶרֶף עַיִן, (דְהַיְינוּ וִוי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי בְּלִינְד, וָוארְן עֶר טוּט גָאר קֵיין שׁוּם קוּק אִין דֶער וֶועלְט נִיט אַרַיין. וָוארְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי אִיהם גָאר נִיט אָן אֲפִילוּ וִוי אֵיין אוֹיגְנְבְּלִיק, אִיבֶּער דֶעם גִישִׁיקְט זִיךְ בַּיי אִיהם גָאר נִיט קֵיין זֶעהְן, אוּן קֵיין קוּק אִין דֶער וֶועלְט). וָוארְן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִיט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, אוּן בִּין פָּארְט זֵייעֶר אַלְט. אוּן נִיט אִיךְ אַלֵיין זָאג דָאס, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ הַסְכָּמָה דְרוֹיף פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אָדְלֶער. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. (דָאס רֶעט אַלְץ דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער).

## מֶען דַארְף הָאבְּן דֶעם 'בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער'

מֶען זֶעט דָא אַז דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, פוּן דֶעם שְׁטִיקְל קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ; וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן, דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם 'בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער'. וָואס הֵייסְט 'בְּלִינְד'? נִישְׁט קוּקְן אוּן זוּכְן אִין יֶענֶעם חֶסְרוֹנוֹת, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶען, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען בַּאמֶערְקְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת נג:): "מַעֲשֶׂה בְּאָדָם אֶחָד שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה גִּידֶּמֶת", עֶס אִיז גֶעוֶועְן אַ מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גִדֶּמֶת, אַ פְרוֹי אָן הֶענְט, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּיז זִי אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אַז זִי אִיז אַ פְרוֹי אָן הֶענְט, "אָמַר רַב בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה צְנוּעָה אִשָּׁה זוֹ שֶׁלֹּא הִכִּיר בָּהּ בַּעֲלָהּ", זָאגְט רַב, מִן הַסְתָם אִיז זִי גֶעוֶועְן זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִינְגַאנְצְן אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַ לַיילֶעךְ, אַז זִי הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְבַּאהַאלְטְן פוּן אִיר מַאן עֶר זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט, "אָמַר לוֹ רַבִּי חִיָּיא זוֹ דַּרְכָּהּ בְּכָךְ", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי חִיָּיא: אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען צְנִיעוּת'דִיג, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶועְן עֶפֶּעס מֶער צְנִיעוּת'דִיג, "אֶלָּא כַּמָּה צָנוּעַ אָדָם זֶה שֶׁלֹּא הִכִּיר בְּאִשְׁתּוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמוּזְט זַיין זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין וַוייבּ.

לְכְאוֹרָה אִיז דָאס אַ פֶּלֶא'דִיגֶע גְמָרָא, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זֶען אוּן ווִיסְן אַז זַיין וַוייבּ הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט, וֶוען

עֶס וָואלט אִיר גֶעפֶעלְט דִי קְלֵיינֶע פִינְגֶער פוּן דִי פוּס, וָואלְט מֶען עֶס נָאךְ אֶפְשַׁר גֶעקֶענְט פַארְזֶען, אָבֶער עֶר זָאל נִישְׁט וויסְן אַז זַיין וַוייבּ הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הֶענְט? ווי אַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶערְמַאן לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אוּן נִישְׁט וויסְן צִי זִי הָאט הֶענְט?!

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ? ווייל דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ?! אֲפִילוּ בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר שָׂרָה (בְּרֵאשִׁית יב, יא): "הִנֵּה נָא יָדַעְתִּי כִּי אִשָּׁה יְפַת מַרְאֶה אָתְּ", יֶעצְט וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט אַ פְרוֹי מִיט אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶע, טַייטְשְׁן אַלֶע צַדִּיקִים, נִישְׁט אַז עֶר הָאט פַארְדֶעם נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען שָׂרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פָּרָשַׁת בְּרֵאשִׁית, דִּיבּוּר הַמַּתְחִיל וְהָאָדָם יָדַע), אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין וַוייבּ הָאט אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶע, נָאר בִּיז יֶעצְט אִיז אִים נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן אַז עֶס אִיז בִּכְלַל דָא אַ נִסָּיוֹן פוּן קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, אָבֶער וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּ מִצְרַיִם, זֶענֶען דִי מִצְרִיִּים גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁמוּצִיג, אַז דָאס הָאט אוֹיךְ גוֹרֵם גֶעוֶוען פַאר אִים עֶר זָאל גֶעוואוֹיר וֶוערְן דִי זַאךְ, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ נִסָּיוֹן פוּן קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: "יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז דוּ הָאסְט אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶע".

## זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאלֶעבָּאסְטֶע

נָאר אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲלוֹת פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען רֶעכְנְט אוֹיס בַּיי אַ שִׁידּוּךְ אִיז, אַז זִי אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶע, מֶען רוּפְט דָאס: 'זִי הָאט צְווֵיי רֶעכְטֶע הֶענְט'; זִי נֶעמְט שֵׁיין צוּזַאם דִי הוֹיז, זִי אִיז אַ בַּאלֶעבָּאסְטֶע, וואוּ זִי לֵייגְט נָאר אַרַיין אִירֶע הֶענְט וֶוערְט שׁוֹין דֶערְפוּן עֶפֶּעס אַ קוּגְל, אַ קֶעיק, קוּקִיס, קִישְׁקֶע וְכַדּוֹמֶה, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ פְרוֹי וָואס מֶען רוּפְט עֶס: 'זִי הָאט צְווֵיי לִינְקֶע הֶענְט', זִי קֶען גָארְנִישְׁט מַאכְן.

דָאס זָאגְט דִי גְמָרָא, זִי הָאט יָא גֶעהַאט הֶענְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אִירֶע הֶענְט, אִירֶע הֶענְט הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט רִיקְן, נָאר זִי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אוּן גֶעטוּן, זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאלֶעבָּאסְטֶע, אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג מוֹרָא'דִיגֶע אֵיידְל אַז אִיר גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעכַאפְּט אַז עֶפֶּעס טוֹיג נִישְׁט מִיט אִיר, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט אַן עֵסֶק פוּן דֶעם, עֶר הָאט גֶעזֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין אִיר, עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ וַוייבּ. דָאס אִיז אַ גְרוֹיסְקֵייט, דָאס אַז אַן אֵיידְלְקֵייט, אַז מֶען זֶעט נִישְׁט דִי חֶסְרוֹנוֹת, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווי מֶען הָאט אַ טוֹיטֶע גֶעלֶעמְטֶע וַוייבּ.

עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ צְווֵייטֶע פְרוֹי, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען ווי זַאכְן הֵייבְּן זִיךְ אָן רִיקְן, הָאט עֶר גֶעכַאפְּט דֶעם חִילּוּק אַז זַיין עֶרְשְׁטֶע פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אָן הֶענְט, זִי הָאט נִישְׁט גֶעטוֹיגְט צוּ גָארְנִישְׁט.

## דָאס אִיז מַיין פְּרָאבְּלֶעם

אַ אִינְגֶערְמַאן קֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן: "מַיין וַוייבּ הָאט דִי חִסָּרוֹן אוּן דִי חִסָּרוֹן", אָבֶער אַן אֵיידֶעלֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי מַעֲלוֹת, "זִי הָאט דִי מַעֲלָה אוּן דִי מַעֲלָה". דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי מַעֲשֶׂה, דִי חָתָן כַּלָּה הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אוֹיבּ ווילְן זֵיי אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, נִישְׁט זֶען וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, נָאר קוּקְן אוֹיף דִי מַעֲלוֹת פוּנֶעם צְווֵייטְן, אַזוֹי ווי דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאר גֶעזוּכְט דָאס גוּטְס אִין זַיין וַוייבּ, אִים אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז זִי קָאכְט נִישְׁט אוּן בַּאקְט נִישְׁט וְכוּ'.

דָאס אִיז דִי עֵצָה ווי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, ווי אַזוֹי מֶען קֶען צִיעֶן דִי שִׂמְחָה אוֹיפ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, אַז מֶען זוּכְט נִישְׁט קַיין חֶסְרוֹנוֹת, מֶען זוּכְט נָאר דִי מַעֲלוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע אַ חִסָּרוֹן בַּיי אַ צְווֵייטְן, אִיז דָאס מַיין פְּרָאבְּלֶעם; אָדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת יֶענֶעם טָאג, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶענוּג הִתְבּוֹדְדוּת, ווייל וֶוען אִיךְ וָואלְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען וָואלְט אִיךְ גֶעזֶען נָאר גוּטְס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם".

לִכְאוֹרָה רֶעדְט עֶר נִישְׁט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט חֶסְרוֹנוֹת בַּיי סְתַּם מֶענְטְשְׁן, ווייל וֶוער קוּקְט בִּכְלַל אוֹיף אַ צְווֵייטְן? מֶען דַארְף זַיין אַ חֲסַר דֵּעָה צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף סְתַּם מֶענְטְשְׁן, וָואס ווייסְטוּ וָואס יֶענֶער גֵייט אַרִיבֶּער?! בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס קוּמְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן זֶעט חֶסְרוֹנוֹת בַּיי אַ צְווֵייטְן, דַארְף עֶר תְּשׁוּבָה טוּן, וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר? דוּ הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן? דוּ קוּמְסְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ זוּכְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ צְווֵייטְן?! עֶס אִיז דָא אַ גַּבַּאי אִין שׁוּל, עֶר אִיז שׁוֹין אַלֶעס מְסַדֵּר, עֶר זָארְגְט אוֹיף אַלֶעס. נָאר דָאס גֵייט אַרוֹיף אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוֹיף דֶעם זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "אַז אִיךְ זֶע אַ חִסָּרוֹן בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, אִיז אַ סִימָן אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעגַאנְגֶען הַיינְט הִתְבּוֹדְדוּת".

## אָנְגְרֵייטְן דִי לִיכְט

אַז מַיין וַוייבּ אִיז אַ גְּדֶמֶת, זִי קֶען נִישְׁט קָאכְן, וֶועל אִיךְ אִיר הֶעלְפְן קָאכְן, מִיר וֶועלְן צוּזַאמֶען קָאכְן, אוּן אִיךְ וֶועל אִיר גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל ווי גוּט 'זִי' קֶען קָאכְן, אוּן אַז זִי קֶען נִישְׁט מַאכְן דִי בֶּעטְן, וֶועלְן מִיר עֶס מַאכְן צוּזַאמֶען, אַז זִי גְרֵייט נִישְׁט אָן דֶעם שַׁבָּת'דִיגְן טִישְׁטוּךְ, וֶועל אִיךְ לֵייגְן דֶעם טִישְׁטוּךְ.

אִיךְ זָאג פַאר אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן חֲתָנִים, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל בְּהַקְדָּמָה אוֹת יב) אַז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס גְרֵייט אָן דִי לִיכְט אוּן בְּרֶענְט עֶס אָפּ, אִיז מִיט דֶעם מְתַקֵּן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ. מִיר הָאבְּן שׁוֹין דֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶער עֶס אִיז מַשְׁמַע פוּן רֶבִּי'ן מֶען זָאל טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ תִּיקּוּנִים.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן נד): "עַל יְדֵי ... נֵר שַׁבָּת הֲוֵי לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", דוּרְךְ נֵר שַׁבָּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ

קינְדֶער תַּלְמִיד חֲכָמִים. די פְּרוֹי איז דָאס מְקַיֵּים ווען זי צִינְד אָן די לִיכְט, דֶעמָאלְט שְׁטֵייט זי און בֶּעט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קינְדֶער, און דֶער מַאן בִּשְׁעַת ער גְרֵייט אָן די לִיכְט.

**"אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן די לִיכְט, ווייל זי הָאט נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶערוּמְט דֶעם טִישׁ, און זי הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין טִישְׁטוּךְ"**, - זָאלְסְטוּ אָפְּרוּמֶען די טִישׁ און לֵייגְן די טִישְׁטוּךְ. חֲתַנִים בֶּעטְן מִיר 'חָתָן שִׁיעוּרִים'; דָאס לֶערְן אִיךְ אוֹיס בַּיי די 'חָתָן שִׁיעוּרִים': דֶעם מַאנ'ס אַרְבֶּעט איז אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, אָפְּרוּמֶען, לֵייגְן די טִישְׁטוּךְ און אָנְגְרֵייטְן די לִיכְט. ווִינְטֶער קֶען מֶען עֶס שׁוֹין טוּן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט, און זוּמֶער פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי.

### מְקוּרָב צוּם צַדִּיק

מֶען מוּז זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק צוּ קֶענֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, זָאל זַיין די צְוַויי בֶּעסְטֶע גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, אוֹיבּ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט דֶעם צַדִּיק, מוּזְן זֵיי זִיךְ קְרִיגְן, מֶען מוּז אַוֶועק מַאכְן יֶענֶעם, ווען ער רֶעדְט מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים מַאכְט ער אַ דְזְשַׁאוּק אוֹיף זַיין ווייבּ'ס חֶשְׁבּוֹן, און ווען זי רֶעדְט צוּ אִירֶע חַבֶר'טֶעס מַאכְט זי אַ דְזְשַׁאוּק אוֹיף אִיר מַאנ'ס חֶשְׁבּוֹן, און ער מַאכְט אַוֶועק אִיר טַאטֶע: **"שׁוֹין ווַייטֶער מִיט זַיינֶע זַאכְן, מִיט זַיינֶע מִנְהָגִים"**. עֶס איז נִישְׁט דָא די שֵׁיינֶע זִיסְקֵייט, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין לֶעבְּן, נָאר אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען פָאלְגְט דֶעם בְּלִינְדְן בֶּעטְלֶער, מֶען זֶעט נִישְׁט ווָאס מֶען דַארְף נִישְׁט זֶען.

### גוּט אוֹיסְוַואשְׁן דֶעם גָאפְּל

אַז די ווַייבּ בְּרֶענְגְט פַאר נַאכְטְמָאל אַ גָאפְּל ווָאס איז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן רֵיין, עֶס איז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אָנְגֶעקְלֶעבְּט שְׁמוּץ צְווִישְׁן די צֵיינְדְלֶעךְ, ווָאס זָאל אִיךְ יֶעצְט טוּן? אִיךְ קֶען אִיר פְרֶעגְן: **"קוּק דֶעם גָאפְּל, אַזוֹי וואשְׁטוּ?! דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט"**... אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז צוּ זַיין דֶער בְּלִינְדֶער בֶּעטְלֶער, נִישְׁט אוֹיפְזוּכְן שְׁלֶעכְטְס אִין אִיר, נָאר אוֹיפְזוּכְן אִיר גוּטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט עֶסְן מִיט פְלֶעסְטִיק עֶסְצֵייג; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט דֶער טַעַם פַארְוָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעגֶעסְן פִישׁ מִיט די הֶענְט, ווייל דֶער גַבַּאי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גוּט אוֹיסְוַואשְׁן דֶעם גָאפְּל, אַנְשְׁטָאט זִיךְ רֶעגְן אוֹיף'ן גַבַּאי: **"פַארְוָואס בְּרֶענְגְסְטוּ מִיר שְׁמוּצִיגֶע כֵּלִים?!"** הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן מִיט די הֶענְט...

### בֶּענְקֶען און ווֵיינֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן

אַז מֶען איז נָאכְנִישְׁט בַּיי די מַדְרֵגָה, מֶען זֶעט נָאךְ יָא חֶסְרוֹנוֹת, זָאל מֶען בֶּענְקֶען און ווֵיינֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, פַארְוָואס זֶע אִיךְ שְׁלֶעכְטְס אִין מַיין ווַייבּ און קִינְדֶער? ווָאס איז גֶעשֶׁען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן זוֹיבֶּערֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל נָאר זֶען גוּטְס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; ווען אִיךְ הָאבּ חַתּוּנָה גֶעהַאט בִּין אִיךְ גֶעווֶען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אִיךְ בִּין אַהֵיים גֶעלָאפְן צוּ מַיין ווַייבּ, ווָאס איז גֶעשֶׁען מִיט מִיר אַז אִיךְ לוֹיף שׁוֹין נִישְׁט אַהֵיים?"**

### גֵיי צוּפִּיס, כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר

מַיין זוּן הָאט זִיךְ יֶעצְט אַוֶועק גֶעצוֹיגְן פוּן מַיין דִירָה, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין דִירָה, אַבִּיסְל ווַייטֶער פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ; אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַאר, אַזוֹי ווֶעט עֶר מוּזְן גֵיין צוּפִּיס, ווָאס קֶען מֶען טוּן ווֶען מֶען גֵייט צוּפִּיס? קוּקְן אוֹיף די בֵּיימֶער און הִימְל?... מֶען רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ מְחַיֶה דָא אִין שְׁטֶעטְל, די אַלֶע ווָאס וואוֹינֶען נֶעבְּן אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַארְפְן נִישְׁט קוּמֶען מִיט די קַאר, גֵיי צוּפִּיס, כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר און שְׁמוּעֶס אַבִּיסְל מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן. זָאג פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן: **"אִיךְ דַאנְק דִיךְ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ פִּיס", "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ קֶען גֵיין", "אִיךְ דַאנְק דִיךְ אייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ אַ הוֹיז"**, און בֶּעט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אִין מַיין ווַייבּ, אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס אִין מֶענְטְשְׁן"**.

### הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט אַ נֵייעֶ הָאֶרֶץ

הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה אִיז אַן עֵצָה פַאר יֶעדֶע זַאךְ צוּ ווָאס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זוֹכֶה זַיין. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר פְּעֻלּוֹת הַצַּדִּיק (סִימָן תתפג) ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן לב): **"וְיֵשׁ שֶׁבָּאִים עֲלֵיהֶם מַחֲשָׁבוֹת עַל הָאֱמוּנָה מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נוֹלְדוּ בִּקְדֻשָּׁה כָּרָאוּי"**, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן ווָאס הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף די אֱמוּנָה ווייל זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעבּוֹירְן בִּקְדֻשָּׁה, **"שֶׁיֵּשׁ נְשָׁמוֹת כְּשֵׁרוֹת שֶׁנּוֹלְדוּ בְּכַשְׁרוּת וְגַם לֹא קִלְקְלוּ מַעֲשֵׂיהֶם, שֶׁאֵין בָּאִים עֲלֵיהֶם כְּלָל מַחֲשָׁבוֹת כָּאֵלּוּ, וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִים בִּפְנֵיהֶם מֵעִנְיָנִים אֵלּוּ לֹא אִכְפַּת לָהֶם כְּלָל וְאֵינוֹ מְבַלְבֵּל דַּעְתָּם כְּלָל"**, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן ווָאס זֶענֶען גֶעבּוֹירְן אַזוֹי זוֹיבֶּער אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אִין אֱמוּנָה.

יֶעצְט ווָאס זָאל טוּן דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס אִיז גֶעבּוֹירְן שֶׁלֹּא בִּקְדֻשָּׁה? מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה קֶען אַלֶעס ווֶערְן זַייעֶר גוּט, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת און מֶען זָאגְט פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין זוֹיבֶּער, אִיךְ ווִיל אַ זוֹיבֶּערֶע הַיִּים, אִיךְ ווִיל אַ זוֹיבֶּערֶע מֹחַ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר; אִיךְ ווֵייס נִישְׁט פַארְווָאס די קָאפּ דְרֵייעדְט זִיךְ מִיר אַלֶץ, אַז אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', אִיךְ ווִיל לֶעבְּן רוּאִיג און ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט דָא"**, הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט אַ נֵייעֶ קָאפּ, הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט אַ נֵייעֶ הָאֶרֶץ, הִתְבּוֹדְדוּת מַאכְט אַ נֵייעֶ מוֹיל, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן ווָאס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה ווֶען עֶר רֶעדְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

### רֶעד פְּשׁוּט'עֶ ווֶערְטֶער

מֶענְטְשְׁן זָאגְן: **"אִיךְ הָאבּ נִישְׁט ווָאס צוּ רֶעדְן"**, מֶען דַארְף נִישְׁט זוּכְן קַיין נֵייעֶ ווֶערְטֶער, רֶעד פְּשׁוּט'עֶ ווֶערְטֶער, **"בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר", "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן"**.

### דָאס אִיז מַיין נַחַת!

מֶען הָאט מְסַדֵר גֶעווֶען אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּיי מִיר אִין אָפִּיס מִיטְהַאלְטְן ווָאס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַלֶע אָפְּטֵיילוּנְגֶען פוּן די קְהִלָּה און מוֹסְדוֹת, פוּן אַמֶערִיקֶע און אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הַאלְט אַלֶץ

אויפגעמישט דעם סקרין ביים בית המדרש אין שטעטל אויף האשקי, עס איז 'עיני ולבי שם כל הימים', זע איך ביינאכט נאך מעריב ווי די גאנצע בית המדרש ליידיגט זיך אויס, פרעגן מיר די אינגעלייט: **"דער ראש ישיבה האט נחת פון דעם בית המדרש, אפילו ביינאכט איז עס אינגאנצן ליידיג?"** ענטפער איך: **"אוודאי האב איך נחת! דאס איז מיין נחת אז ביינאכט גייט מען אהיים"**, וואו דען זאל איך זיין? מיט וועם זאל איך שמועסן? מיט וועם זאל זיך דרייען? איך האב חתונה געהאט און איך גיי אהיים שמועסן מיט די קינדער, איך גיי אהיים שמועסן מיט מיין ווייב, איר געבן גוטע ווערטער.

## איך מוז נישט אייביג אריין זאגן

דער רבי דערציילט ווייטער אין די מעשה אז יעדן טאג פון די שבע ברכות האבן זיי געבענקט צו נאך איינעם פון די בעטלערס, ווייל דער 'טויבער בעטלער' דארף מען האבן, מען זאל נישט אלעס הערן, אז זי האט דיר געזאגט א שארף ווארט, דארפסטו עס נישט הערן. און דעם שטאמפלדיגער בעטלער דארף מען האבן, דער מענטש זאל וויסן אז איך מוז נישט אייביג צוריק ענטפערן, איך מוז נישט אייביג אריין זאגן.

## רבי עקיבא ביי בן כלבא שבוע

די הייליגע חכמים דערציילן (כתובות סב:; נדרים נ.), רבי עקיבא איז געווען א פאסטוך ביי בן כלבא שבוע, ער איז שוין געווען פערציג יאר אלט, ער איז געווען א גרויסער עם הארץ, בן כלבא שבוע'ס טאכטער האט באמערקט אויף אים אז ער איז א ספעציעלער בחור, אן ערליכער בחור, האט זי געבעטן איר טאטע'ן זי וויל חתונה האבן מיט דעם עקיבא, עס האט אבער נישט געפאסט פאר אים צו טון דעם שידוך, ווייל ער איז געווען א גרויסער עושר, דער ראש הקהל פון שטאט, עס איז א מורא'דיגע בזיון פאר אן עושר צו נעמען סתם א בחור פאר אן איידעם, האט זי אים געפרעגט: **"אי מקדשנא לך אזלת לבי רב?"** אויב איך וועל צו דיר חתונה האבן וועסטו גיין אין ישיבה לערנען די הייליגע תורה? האט רבי עקיבא געזאגט: **"זיכער וועל איך גיין לערנען תורה"**, האבן זיי חתונה געהאט אן איר טאטע'נס רשות. זי האט זיך זייער מוסר נפש געווען אבי איר מאן זאל קענען לערנען.

דעמאלט פלעגט זיין דער סדר אז נאך די חתונה איז מען אוועק געפארן לערנען אין ישיבה, איז ער געבליבן לערנען אין ישיבה פיר און צוואנציג יאר, שפעטער ווען ער איז צוריק געקומען מיט זיינע פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים, האט ער איר געקויפט א טייערע מתנה, אן 'עיר של זהב' (שבת נט.).

דערציילט די גמרא אין תלמוד ירושלמי (סוטה פרק ט, הלכה טו) אן אינטערעסאנטע מעשה, ווען רבן גמליאל'ס ווייב האט געזען די טייערע צירונג וואס רבי עקיבא האט געקויפט פאר זיין ווייב, האט זי געפרעגט איר מאן רבן גמליאל: **"פארוואס קויפסטו מיר נישט אזא שיינע צירונג?"** האט ער איר געענטפערט: **"מה הוית עבדת היך מה דהוות עבדה? דהוות מזבנה קליעתא דשערה ויהבה ליה והוא לעי באוריתא"**, צי האסטו געטון וואס זי האט געטון? זי האט פארקויפט די האר פון איר קאפ, זי האט אים געגעבן דאס געלט, כדי ער זאל קענען לערנען תורה!

## מיר זענען פריילך אן דעם

אויבן אויף קוקט אויס אז רבן גמליאל האט אוועק געמאכט זיין ווייב, אז רבי עקיבא'ס ווייב האט געטון פאר תורה מער פון איר, איך האב אבער געטראכט אז מען קען עס אפלערנען אנדערש, ווי מען לערנט אין היכל הקודש. די גמרא לערנט אונז א וועג ווי אזוי מען דארף בארואיגן אין שטוב, זיין ווייב האט זיך באקלאגט פארוואס ער קויפט איר נישט אויך אזא שיינע צירונג ווי רבי עקיבא האט געקויפט פאר זיין ווייב, האט ער איר געענטפערט: **"זיי האבן זיך געמוטשעט אלע יארן, זיי האבן נישט געהאט וואס צו עסן, דארף ער איר פריילך מאכן מיט א שיינע צירונג, אבער מיר האבן ברוך השם אלעס, מיר דארפן זיך נישט פריילך מאכן מיט די זאכן"**.

דאס איז א גוטע עצה, ווען מען פארלאנגט: "קוק דער שכן האט דאס און דער שכן האט יענץ, מיר האבן נישט די אלע זאכן", ענטפערט מען: "זיי דארפן עס נעבעך האבן צו ווערן פריילך, אבער מיר האבן אזויפיל גוטס, מיר זענען ברוך השם געזונט, מיר האבן קינדער, מיר זענען ברוך השם פריילך אן דעם".

מיט 'חכמה און סבלנות' קען א מענטש האבן אזא זיסע לעבן, ווידער אז א מענטש זוכט נאר וואו זיך אפצוריידן, וועט ער זיך מאכן ביטער זיין לעבן.

אשרינו, מה טוב חלקנו, אז מיר זענען מקורב צו אזא הייליגע רבי, מיט אזעלכע ליכטיגע עצות.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן לעבן, ווי דעם 'בלינדן בעטלער', 'טויבער בעטלער' און 'שטאמפלדיגער בעטלער', וועלן מיר זיין א גאנץ לעבן פריילך.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן, וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.